ב"ה

# עט לְדַבֵּר - סִידוּר פֶּסַח

גליון מיוחד
פסח תשע"א

לכבוד פסח וועלן מיר בעזה"י באשרייבען דעם גאנצען סדר מיטען הגדה בקיצור, לפי פשוט. דאס צו שרייבען האב איך מיר אסאך באנוצט מיטען הגדה **יעלה ברוש** דארך הרב **מרדכי פויגעל** שליט"א, די הגדה **וישב משה** דארך הרב **משה זארגער** שליט"א, די שיעורים פון הרב **שמעון זאב מייזליש** שליט"א און די שיעורים פון הרב **מרדכי גרינפעלד** שליט"א. די הלכות למעשה זענען עפ"י רוב ארויסגענומען געווארען פון די שיעורים דארך הרב **זלמן לייב פילאפ** שליט"א.

מיר וועלן גיין לויט די סימני הסדר, וועלכע שטאמען פון די פריערדיגע ראשונים (טייל זענען דאס מייחס צו רש"י הק', און אנדערע שרייבען אז עס איז נאך פון פריער, און אפשר גאר פון די גאונים).

די סימנים זענען געשריבען מיט א גראם, אזוי אז עס זאל זיך בעסער געדענקען:

**קַדֵּשׁ וּרְחַץ,**
**כַּרְפַּס יַחַץ,**
**מַגִּיד רָחְצָה,**
**מוֹצִיא מַצָּה,**
**מָרוֹר כּוֹרֵךְ,**
**שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ,**
**צָפוּן בָּרֵךְ,**
**הַלֵּל נִרְצָה.**

עס זענען דא וואס טענה'ן אז דער ה' פון 'רחצה' געהערט צום סימן 'מוציא', און דאן טוט עס סיי שטימען בעסער לויטען גראם, און סיי דער סימן 'מוציא' קלינגט בעסער. לויט דעם איז דער סדר פונעם גראם א בַּיִת פון דריי פראזען וואס גראמען איינער מיטען צווייטען און דערנאך איין פראז וואס גראמט מיטען פערטען פראז פונעם קומענדיגען בית. דהיינו:

**קַדֵּשׁ וּרְחַץ,**
**כַּרְפַּס יַחַץ,**
**מַגִּיד רְחַץ,**
**הַמּוֹצִיא מַצָּה** (גראמט נישט)

**מָרוֹר כּוֹרֵךְ,**
**שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ,**
**צָפוּן בָּרֵךְ,**
**הַלֵּל נִרְצָה** (גראמט מיט מצה).

לפי פשוטן זענען די סימני הסדר באשאפען געווארען צו קענען געדענקען וואס צו טוהן. היות עס זענען דא אזויפיהל מצוות היום, קען זיך מאכען אז איינער זאל פארגעסען ווי ער האלט אדער וואס עס גייט ווייטער (בפרט אז אמאל זענען נישט געוועהן אזויפיהל געדרוקטע הגדות ווי היינט), דערפאר האבען מיר די סימנים.

למעשה זענען אבער דא גרויסע סודות אין יעדער סימן, ווי עס ווערט געברענגט אין ספה"ק, און חלילה מזלזל צו זיין אין זיי, אדער אפילו אין די יודיש טייטש.

סִידוּר פֶּסַח

*קדש* - **ווען דער טאטע קומט אהיים פון שול טוט ער זיך אהן די ווייסע קיטל און ער מאכט שוין קידוש כדי די קליינע קינדער זאלען נישט איינשלאפען.**

דעם לעצטען שורה איז כפשוטו ממש ווייל אום פסח ביינאכט איז דא א ספעציעלע מצוה פון **והגדת לבנך** - צו דערציילען פארן קינד איבער די ניסים פון יציאת מצרים.

כאטש יעדע נאכט דארף מען דערמאנען יציאת מצרים (מיר טוהן דאס ביי קרי"ש), איז פסח ביינאכט אנדערש מיט דעם אז עס ברויך זיין אויף אן אופן פון אן ערציילונג וואס איין מענטש דערציילט פארן אנדערע, ובפרט א טאטע צום קינד. עס מוז אויך זיין בדרך שאלה ותשובה, און דערפאר טוהן מיר פארשידענע אינטערעסאנטע טהאטען מיטען ציהל אז די קינדער זאלען דערויף פרעגען.

פונעם שפאלער זיידע זצ"ל איז אויך דא א טיעפע טייטש אז דאס גייט ארויף אויפען טאטען אין הימעל, און מיר דערמאנען איהם כביכול צו מאכען 'קידוש' און הייליגען זיינע קינדער מיטען גאולה שלימה, איידער זיי ווערן חלילה אנטשלאפען דא אין גלות.

דער מנהג איז דאס פרויען זאגען מיט קידוש, און אפילו ווען עס געפאלט מוצאי שבת, וואס געווענליך פירען זיך פרויען נישט צו מאכען הבדלה, דאך, ביים סדר נאכט, זאגען זיי דעם גאנצען קידוש מיטען הבדלה (שו"ת באר משה ח"ו קל"ו). זיי דארפען אבער זיין געווארענט נישט צו זאגען דער ברכת הזמן (שהחיינו), ווייל זיי האבען דאס שוין געזאגט ביים ליכט צינדען (און דעמאלס זאלען זיי אינזינען האבען די שהחיינו זאל ארויף גיין אויף אלע מצוות הלילה).

דער כוס פון קידוש איז דער ערשטע פון די פיהר כוסות וואס מיר דארפען טרונקען פסח ביינאכט און עס איז קעגן דעם לשון של גאולה **והוצאתי**. לכתחילה דארף מען אויסטרונקען דעם גאנצען בעכער, אבער אויב דאס איז צו שווער קען מען יוצא זיין מיט רוב כוס (ומעיקרא דדינא אפילו רוב רביעית). טאמער איינער וויל יוצא זיין דעם

לכתחילה אבער ער קען נישט אזויפיהל טרונקען, האט ער אן עצה צו נוצען א קלענערע בעכער.

דעם כוס דארף מען טרונקען בהסיבה (אויסער נשים און א תלמיד פאר זיין רבי). אויב ביי איינס פון די זאכען וואס דארפען געגעסען אדער געטרונקען ווערן בהסיבה, עסט מען אדער טרונקט מען זיצענדיגערהייט, האט מען, לויט רוב פוסקים, נישט יוצא געוועהן. די כזיתים מצה, כורך און אפיקומן קען מען איבער-עסען, אבער ביי טייל פון די פיהר כוסות, טאמער וויל מען טרונקען נאך א כוס, ווערט א שאלה פון א בורא פרי הגפן. ע"כ זאל מען שטארק געווארענט זיין צו טרונקען בהסיבה.

**ורחץ - מען וואשט זיך די הענט און מען מאכט נישט א ברכה על נטילת ידים ווייל מען גייט נאך נישט עסן.**

א גאנץ יאר ווען מען עסט א דבר שטיבולו במשקה (עסן וואס ווערט געטונקען אין איינער פון די זיבען משקאות), פסק'ענען מיר אז מען דארף זיך נישט וואשען די הענט (כשאוכל פחות מכזית, אמנם כשאוכל כזית בידים יש מקום להחמיר וליטול ידים בלי ברכה). דער יסוד פון זיך דארפען וואשען האט צו טוהן מיט דיני טומאת אוכלין און עס איז א גזירה וועגן תרומה (וע"ע שו"ע או"ח קנ"ח סעיף ד' ובנו"כ)

פסח ביינאכט פירען מיר זיך אבער יא צו וואשען די הענט, סיי ווייל מיר טוהן פארשידענע אינטרעסאנטע זאכען כדי אויפצורייצען די נייגער פון די קינדער, און סיי ווייל צוליב די גרויסע קדושה פונעם נאכט, זענען מיר מער זהיר אין אלע ענינים. היות די הלכה איז אבער אז מען דארף זיך נישט וואשען, מאכען מיר נישט קיין נטילת ידים.

**כרפס - מען נעמט א שטיקעל גרינצייג ווייניגער ווי א כזית, מען טונקט עס איין אין זאלץ-וואסער** (ובשו"ע חומץ)**, מען מאכט א ברכה בורא פרי האדמה און מען האט אינזין צו פטר'ן דער מרור.**

איין טעם פארוואס מיר טוהן דאס איז כדי שישאלו התינוקות. אמאליגע צייטען פלעגט מען עסן א שטיקעל גרינצייג פארן סעודה כדי צו ערוועקן דעם אפעטיט. אצינד עסן מיר דעם כרפס אבער דערנאך לייגען מיר אוועק די מצות און מיר גיין נאך נישט עסן. דאס איז מעורר א וואונדער ביי די קינדער און זיי פרעגן.

ביים ברכה פון בורא פרי האדמה האט מען אינזין דאס זאל ארויפגיין אויך אויפען מרור. עס איז דא שאלה צי דער מרור הייסט א **דבר שלא בא מחמת הסעודה** - עס ווערט נישט געגעסן צום זעט אינמיטען א סעודה, און עס ווערט נישט גע'פטר'ט מיטען המוציא - פונקט ווי למשל ווען איינער עסט טשוקולאד אינמיטען סעודה דארף ער מאכען א שהכל. צי פסח ביינאכט, היות עס איז דא חיוב צו עסן מרור, הייסט דאס יא א דבר הבא בתוך הסעודה און עס ווערט גע'פטר'ט מיטען המוציא. דערפאר ווען מיר מאכען האדמה אויפען כרפס האבען מיר אינזין צו פטר'ן דעם האדמה פונעם מרור.

מען דארף זיין געווארענט צו עסן ווייניגער פון א כזית, ווייל טאמער עסט מען א כזית ווערט מען שוין מחויב מיט א בורא נפשות (וואס ווערט אפשר אפילו נישט גע'פטר'ט מיטען בענטשען), און דאן בלייבען מיר מיטען זעלבען ספק ברכה.

מען טונקט דאס אין זאלץ-וואסער אלץ זכר צו די טרערן וואס יודען האבען פארגאסען. אין דעם נאמען כרפס ליגט אויך א רמז אויף די שווערע ארבעט ווייל דאס איז די אותיות **ס' פרך** - זעכציג רבוא (צען טויזענט) האבען געארבעט שווער. מיט דעם כרפס זענען מיר מתפלל צו **'פטר'ן דעם מרור'**, פון אונז און פון גאנץ כלל ישראל, אכי"ר.

**יחץ - מען צוברעכט די מיטעלסטע מצה וואס הייסט לוי, דער גרעסערע שטיקעל באהאלט מען פארן אפיקומן און די קלענערע שטיקעל לייגט מען צוריק.**

מצה ווערט אנגערופען **לחם עוני**. איין פשט איז ארימע ברויט, דהיינו פונקט ווי אן ארימאן האט נישט קיין גאנצע ברויט נאר ער עסט שטיקלעך, אזוי האבען מיר א צובראכענעם שטיק מצה.

נאך א פשט אויף לחם עוני איז **לחם שעונין עליו דברים הרבה** - ברויט איבער וועלכע מען זאגט פיהל רייד. דערפאר דארפען די מצות זיין אויפגעדעקט בשעת מען זאגט די הגדה. עס זענען דא וואס זענען מקפיד אויך צו האלטען אפען די שאכטלעך מצה וואס פון זיי גייט מען טיילען פאר די בני המשפחה, אזוי אז זייערע מצה וועט אויך זיין לחם עוני. אזוי אויך זענען דא וואס פירען זיך נישט צו לאזען די קינדער גנב'ענען דעם אפיקומן ביז נאכען הגדה, כדי עס זאל זיין ריכטיגע לחם עוני.

דעם אפיקומן פאקט מען איין אין א טוך אדער א טאש און דאס איז א זכר צום **משארותם צרורים בשמלותם** - ווען די יודען זענען ארויס פון מצרים האבען זיי זיך איינגעפאקט און מיטגענומען די שיריים פון מצה ומרור. מאנכע האבען דעם מנהג טוב פון איבערלייגען דעם אפיקומן טאש אויפען פלייצע און שפרייזען פיהר אמות דערמיט, זאגענדיג דערביי, "אזוי זענען אונזערע עלטערען ארויס פון מצרים." (עס זענען דא וואס טוהן דאס הארט פארן עסן דעם אפיקומן.)

**מגיד - מען זאגט די הגדה פון הא לחמא עניא ביז גאל ישראל.**

קודם דעקט מען אויף די מצות, מען הייבט אויף די קערה און מען זאגט **הא לחמא עניא**. דארט רופען מיר אויס דאס ווער עס האט נישט וואו צו עסן אדער עס פעלט איהם אויף יו"ט זאל קומען צו אונז און מיר וועלן איהם ארויסהעלפען. ביים זאגען די ווערטער כאפט א ציפ אין הארץ ווען מיר דערמאנען זיך דאס בזמן שבית המקדש היה קיים האט מען נישט געקענט לאדענען קיין געסט פסח אויפדערנאכט, ווייל דער קרבן פסח איז נאר **נאכל למנויו** - פאר די וואס האבען זיך איינגעשריבען דערויף איידער מען האט איר גע'שחט'ען. בעט מען טאקע **השתא**

סידור פסח

**הכא לשנה הבאה בארעא דישראל וכו'.**

טייל יודען פירען זיך צו זאגען דעם שטיקעל זוה"ק וואס פאנגט זיך אהן **פקידא בתר דא**, אלץ הקדמה צום הגדה. דער זוה"ק ערקלערט דארט די גרויסקייט פון סיפור יציאת מצרים, וואס איז א חיוב אויף יעדן יוד. דארט ווערט געברענגט ווי בשעת ווען יודען דערציילען דעם סיפור יצי"מ רופט קוב"ה זיין גאנצע פמליא און שטאלצירט כביכול מיט זיין באליבט פאלק וואס גרויסען איהם, און מיט דעם ווערט כביכול געשטערקערט דעם כח אין הימעל. עיי"ש די מורא'דיגע ווערטער.

**וכאן הבן שואל. ואם אין דעת בבן אביו מלמדו.**

ווי דערמאנט איז דער חיוב סיפור יציאת מצרים פסח אויפדערנאכט דוקא ע"י שאלה ותשובה. דארפען אצינד די קינדער פרעגן וואס איז דער פשט פון אלע אינטערעסאנטע הנהגות, און אזוי וועט דער טאטע קענען ענטפערן און מקיים זיין די מצות הלילה.

אין פארשידענע מקומות פלעגט זיין דער מנהג אז די קינדער גיין ארויס פונעם צימער און קלאפען אהן אינעם טיהר, בעטענדיג מען זאל זיי אריינלאזען. דער וואס עפענט דעם טיהר כאפט מיט זיי דעם פאלגענדעם שמועס:

"פון וואו קומען ענק?"

"פון מצרים."

"און וואו אהין גיין ענק?"

"קיין ירושלים."

(עס האט מיר א ספרד'ישע יונגעל פארציילט אז ביי זיי איז מען זיך אזוי נוהג, וכדומני אז מען פלעגט אויך אזוי טוהן אין טייל אשכנזי'שע ערטער.)

סידור פסח

אצינד פרעגט דער קינד פיהר קשיות וואס מיט דעם ברענגט ער ארויס די אינטערעסאנטקייט פונעם סדר נאכט. פון איין זייט זעהן מיר אז פסח אויפדערנאכט דארפען מיר זיין צובראכען און פארביטערט, והא ראיה דאס מיר עסען מצה (ארימע ברויט) און מרור. מצד שני טוהן מיר פארשידענע פעולות וואס ווייזען אויף חרות און רייכטום, ווי טונקען מאכלים און זיך אויסציהן ביים עסן. דאס פרעגט דער קינד, "טאטע לעבן, ערקלער מיר וואספארא געפילען מיר דארפען האבען היינט נאכט, פון דערביטערקייט אדער פרייהייט?"

ענטפערט דער טאטע, "**עבדים היינו וכו' ויוציאנו** - אינ'אמת'ן אריין פרייען מיר זיך מיט דעם גאולת מצרים. אבער כדי צו קענען ריכטיג אפשעצן די גרויסע נסים וואס השי"ת האט מיט אונז געטוהן מוזען מיר קודם ארוסברענגען ווי שווער און ביטער עס איז אונז געוועהן אין מצרים."

דער בעל הגדה איז ממשיך דאס מען זאל נישט מיינען אז עס איז אן אלטע מעשה וואס האט פאסירט מיט אונזערע זיידעס אבער עס האט נישט קיין שייכות צו אונז, נאר **ואילו לא הוציא וכו'** - ווען נישט וואס דער אויבעשטער נעמט ארויס אונזערע עלטערן פון מצרים וואלטען מיר נאך געוועהן טעניג אונטער פרעה עד היום הזה. און כאטש מיר ווייסען שוין די גאנצע מעשה פון די פריערדיגע יארען דאך איז דא א מצוה פון סיפור יצי"מ. און נישט בלויז יוצא זיין מיט א פאר ווערטער נאר **וכל המרבה לספר הרי זה משובח**.

א ראיה צו דעם אז אפילו תלמידי חכמים דארפען דערציילען, און טאקע מאריך זיין אין דעם איז **מעשה בר' אליעזר וכו'**. דארט זעהן מיר ווי די הייליגע תנאים, וואס יעדער איינער פון זיי האט געקענט כל התורה כולה בכל פרטיה ודקדוקיה, האבען פארט פארברענגט א גאנצע נאכט בסיפור יציאת מצרים. זיי האבען נאר אויפגעהערט ווען זייערע תלמידים זענען געקומען זאגען אז עס איז שוין טאג און עס איז שוין מער נישט דא קיין חיוב סיפור יצי"מ.

לייגט צו **ר' אלעזר בן עזריה** די הלכה אז מען איז מחויב יעדע נאכט צו דערמאנען יצי"מ, און ער שרייבט דער השתלשלות הדברים וויאזוי ער האט געקענט בייקומען די אנדערע תנאים אין הלכה, עס זאל באשטימט ווערן ווי איהם. די הלכה פון ראב"ע איז א ראיה צו דעם אז דער חיוב פון סיפור יצי"מ פסח ביינאכט איז אויף אן אנדערען אופן ווי א גאנץ יאר, ווייל טאמער וואלט מען נאר געדארפט דערמאנען דעם נס אהן קיין השתלשלות הסיפור, איז דאך פסח גארנישט אנדערש פון יעדע נאכט.

נאַכער ברענגט דער בעל הגדה וואו עס שטייט אין תורה איבער דעם מצוה פון סיפור יצי"מ פאר די קינדער. דער סדר פלעגט זיין ווי דער ראש במשפחה האט געזאגט **ברוך המקום** און אלע אנוועזענדע האבען געענטפערט **ברוך הוא**, און אזוי ווייטער נאך יעדע פראז.

דער בעל הגדה ברענגט פיהר סארט קינדער און דעם אופן וויאזוי מען באהאנדעלט יעדעס איינער. דער **חכם**, וואס שטעלט זיך אריין אינעם כלל ישראל מיטען ווארט **אלוקינו** (אונזער גאט), און ווען מען הייסט איהם טוהן די מצוות טוט ער וואס ער דארף, נאר נאכדעם בעט ער צו וויסען פשט, ערקלערט מען איהם אלע פרטי דינים. פון אנפאנג הלכות פסח ביזען לעצטען הלכה פון **אין מפטירין** - מען טאר נישט זאגען **אחר הפסח** - נאכען עסן דעם קרבן פסח (וה"ה בזמן הזה נאכען עסן דעם אפיקומן) **אפיקומ"ן** - אפיק"ו מינ"י מתיק"ה, נעמטס ארויס די זיסווארג און לא'מיר אביסעל נאשען. דאס איז דערפאר ווייל מיר ווילען בלייבען מיטען טעם פסח (אדער מצה) אין מויל, טארען מען גארנישט עסן נאכען קרבן פסח. נאך א פשט איז **אין מפטירין** - מען טאר נישט ענדיגען **אחר הפסח** - נאכען פסח **אפיקומן** - מיט זיסווארג, וואס דאס רופט זיך אין גריכיש אפיקומן.

נאך א פשט איז פארהאנען אין כלי יקר (שילהי פרשת בא) אז דער חכם וויל פארשטיין דער טעם פון:

**עדות** - קרבן פסח וואס איז אן עדות אז דער רבש"ע איז א כל יכול און ער האט מכניע געוועהן די ע"ז פון די מצרים.

**חוקים** - מצה וואס צייגט אויף הכנעה און ענוה, פונקט ווי מצה טאר נישט אויפגיין, און ווען עס גייט אויף ווערט עס חמץ. דער ווארט חק מיינט איינגעהאלטענקייט און

**משפטים** - מרור וואס איז ביטער און קומט אלץ זכר צו די ביטערע ארבעט און צרות וואס כלל ישראל האט מיטגעמאכט. משפטים איז טייטש דינים, דהיינו שטראף.

ענטפערט איהם דער טאטע דאס די ריכטיגע סדר איז עס זאל קודם זיין **משפטים**, דהיינו מען צוברעכט דעם גוף. דארך דעם קומט מען צו צו **חוקים**, דהיינו ענוה און הכנעה, און נאר אזוי ווערט פארשטערקערט די אמונה און מען האט דעם ריכטיגען **עדות** אויף בריאת שמים וארץ און יצי"מ. דאס איז דער סדר ווי דער פסוק לייגט עס אראפ אין פרשת ואתחנן (קודם **עבדים היינו**, דערנאך **לעשות את כל החקים** און הערשט נאכדעם **וצדקה תהיה לנו** דהיינו דעם חסד פון **ופסחתי עליכם**). א ראיה אז עס מוז טאקע זיין דוקא אויף דעם סדר איז פון **אין מפטירין אחר הפסח אפיקומן**, נעמליך דער קרבן פסח וואס לערנט אונז אמונה בה' מוז זיין צום לעצט, נאך מען האט געפייניגט דעם גוף און נאך מען האט זיך מכניע געווען.

דער **רשע** וואס לאכט אפ פון די מצוות ה', און בשעת ווען יעדער טוט די מצוות איז ער פארנומען מיט פרעגען קשיות (**מה העבודה הזאת** - דהיינו די עבודה וואס עטס טוטס יעצט), און ער שפארט זיך אויס פונעם כלל ישראל מיטען ווארט **לכם** - פאר ענק, אבער נישט פאר זיך, דארף מען געבן אין די ציין אריין און איהם גוט אויפרעגן. מען זאגט איהם **בעבור זה** - צוליב די מצוות וואס איך טוה האט דער אויבערשטער מיר ארויסגענומען פון מצרים, און אין דעם ליגט שוין **לי ולא לו** - טאמער וואלט דער רשע געווען אין מצרים וואלט ער דאך נישט געטוהן די מצוות און ער וואלט נישט ארויסגענומען געווארען.

דער **תם**, וואס איז אן ערליכע אבער נישט קיין קלוגע, און ווען מען הייסט איהם טוהן מצוות פאלגט ער, נאר אויף צומארגענס (כי ישאלך בנך מחר) וויל ער פארשטיין פשט, ענטפערט מען איהם מיט א פשטות **בחוזק יד וגו'**. צו טיעף קען ער נישט פארשטיין אבער דער פשוט'ע טעם הדברים כאפט ער.

ווען מען זעט א קינד וואס שווייגט און מען ווייסט נישט צי דאס איז ווייל ער איז נעבעך א **שאינו יודע לשאול**, אזא טיפש וואס קען גארנישט פרעגן, צי ווייל ער איז אזא רשע וואס עס אינטערעסירט איהם גארנישט דעם טאטענ'ס מצוות, זאגט מען איהם **בעבור זה וגו'**. אין דעם ליגט שוין פשט דאס טאמער ער וואלט געטוהן די מצוות וואלט ער אויך ארויס פון מצרים אבער טאמער נישט האט ער די זעלבע תשובה פונעם רשע פון **לי ולא לו**. (ביאור נפלא על הארבעה בנים נמצא בספה"ק כלי יקר עה"ת, שמות י"ג י"ד)

**יכול מראש חודש וכו'**. אצינד לערנט אונז דער בעל הגדה די הלכה ווען מען איז מחויב צו דערציילען דעם סיפור יצי"מ. ווען מען זאגט די ווערטער מצה ומרור איז דא א מנהג צו צייגען מיטען פינגער אויף די מצה און

יעצט אז מען האט שוין געפארטיגט מיטען עיקר תשובה פאר די קינדער, און מיר ווייסען שוין פון וואו עס נעמט זיך דער גאנצע חיוב זיי צו פארציילען, וואלט מען שוין באמת געקענט גיין עסן די מצה ומרור. און טאמער א קליין קינד האט שוין נישט קיין געדולד אויסצוהערן האט מען שוין עכ"פ מקיים געווען די מצוה פון והגדת לבנך. דאך, היות עס איז פארט פסח ביינאכט, ווילען מיר אביסעל מער ארום רעדן איבער די ניסים פון השי"ת. בפרט ווען מיר האבען דאך געזאגט וכל המרבה לספר וכו'.

**מתחלה עובדי וכו' ועכשיו קרבנו וכו'**. הייבט מען אהן דערציילען ווי נידעריג און פוסט מיר זענען אמאל געווען, וואס פון דעם זעהן מיר די חסדי ה' וואס ער האט אונז אזוי דערהויבען. אויך פארשטיין מיר וואס איז געווען דער תכלית פונעם שעבוד מצרים - אונז צו אויסלייטערען און ריינעגען, אזוי ווי עס איז געווען פארגעזאגט פאר די אבות הקדושים. און אז מען רעדט פון דעם שפל המצב אין וועלכע מיר זענען געלעגן דארפען מיר אויך פארציילען וויאזוי מיר האבען זיך געהאלטען, איז **ברוך שומר הבטחתו וכו'** און די בני המשפחה ענטפערן **ברוך הוא**.

**והוא** - און די הבטחה פאר אונזערע זיידע אברהם, **שעמדה לאבותינו** - האט בייגעשטאנען כלל ישראל אין אלע שווערע אומשטענדען, דאס כאטש **בכל דור ודור** ווילען זיי אונז אומברענגען, דאך **והקב"ה מצילנו מידם**.

ביים זאגען והוא שעמדה הייבט מען אויף דעם כוס, כדי צו לויבען דער באשעפער על כוס יין מלא (כמאמר חז"ל **אין אומרים שירה אלא על היין**). וועגן דעם דעקט מען צו די מצות, ווי אלעמאל ווען מען איז מכבד וויין אין געגנווארט פון ווייץ-פראדוקטען.

נאך א פשט איז דא אויף **והוא**, אז עס גייט ארויף אויפען גלעזל וויין. טאקע דאס וואס כלל ישראל איז געגליכען צו א גפן וואס געבט נאר ארויס זיין גוטע וויין ווען ער ווערט צוקוועטש און צוטרויטען, **שעמדה לאבותינו ולנו** אין אלע צרות פון אלע דורות, מיר זאלען זיך האלטען ביים ריינעם אמונה.

יעצט וויל דער בעל הגדה איבערשמועסען די ניסים פון יצי"מ בקיצור נמרץ. האט ער אויסגעזוכט פיהר פסוקים אין תורה וואס אין די פסוקים ווערט אין קורצען דערציילט אלעס וואס האט זיך אפגעטוהן מיטען כלל ישראל פון ווען די שבטים זענען געבוירען ביז ווען די יודען זענען אריין אין ארץ ישראל. דאס זענען די פסוקים וואס מען פלעגט זאגען ביים ברענגען ביכורים. דער בעל הגדה ברענגט יעדע פסוק עקסטער און איז מאריך אויף איר מיט פארשידענע פשטים און פרטים.

**צא ולמד** - מיר דערמאנען לבן בדרך אגב ווייל מיט איהם הייבט זיך אהן דעם ערשטען פסוק **ארמי אובד אבי**. **וירעו אותנו וגו', ונצעק וגו', ויוציאנו ה' וגו'** - די זענען די פיהר פסוקים וואס דערציילען ווי מיר זענען געגאנגען מעבדות לחרות.

מיר וועלן נישט אויסטייטשען דא בפרטיות אלע דרשות פונעם בעל הגדה, נאר בלויז שרייבען פיהר כללים וואס מיט זיי קען מען אפלערנען אלעס, ואידך פירושא היא זיל

סידור פסח

גמור.

- ווען דער בעל הגדה שרייבט א דרש אהן ברענגען קיין ראיות דערצו, און ער נעמט עס נישט ארויס פונעם משמעות הפסוק שטייט בלויז דעם דרש. א דוגמא צו דעם איז **וירד מצרימה - אנוס על פי הדבור**.
- ווען דער בעל הגדה דרש'ענט דעם פסוק אליין און ער טייטשט אריין דערין א פשט שטייט **מלמד**. א דוגמא צו דעם איז **ויגר שם - מלמד שלא ירד יעקב להשתקע במצרים**. דער בעל הגדה ערקלערט אז דער ווארט ויגר מיינט בלויז אויף א קורצע צייט.
- ווען דער בעל הגדה ברענגט זיך א ראיה צו זיין דרוש פון א צווייטען פסוק שטייט **שנאמר** - עס איז אזוי פשט ווי איך זאג ווייל אזוי שטייט דאך אין יענעם פסוק. א דוגמא צו דעם איז **שלא ירד יעקב להשתקע במצרים אלא לגור שם - שנאמר ויאמר אל פרעה לגור בארץ באנו וגו'**, וואס פון יענעם פסוק זעהן מיר קלאר אז יעקב האט נאר געהאט בדעה צו וויילען אין מצרים כל זמן עס איז דא א הונגער.
- ווען דער בעל הגדה דרש'ענט גארנישט און ער לייגט נישט צו קיין שום פשט, נאר ער ברענגט בלויז א פסוק וואו עס שטייען די זעלבע ווערטער נאר אביסעל מער אויסגעשמועסט, שטייט **כמה שנאמר**. רוב הגדה איז אויף דעם אופן, און א דוגמא צו דעם איז **במתי מעט - כמה שנאמר בשבעים נפש ירדו אבותיך מצרימה וגו'**. במתי מעט איז טייטש מיט וועניג מענטשען און אינעם פסוק בשבעים נפש וגו' ווערט דאס בררייטער אויסגעשמועסט.

דער בעל הגדה איז בעיקר מאריך מיט די מכות ווייל זיי זענען ניסים פון גאולת מצרים. ביי די מכות איז דער מנהג אפצוגיסען פונעם כוס אלץ רמז אז דאס זאל גיין פאר אלע גוים און אונז זאלען ניצול ווערן.

אין רמ"א שטייט מען זאל די מכות אראפגיסען מיטען פינגער אלץ רמז צום אצבע אלקים. אלעס צוזאמען גיסט מען זעכצען טראפען וועלכע זענען מרמז אויף דער שווערד פון כביכול וואס הייסט יוה"ך (י"ו איז בגימטריא זעכצען).

ר' יהודה נעמט צוזאמען די מכות אויף דריי גרופעס - **דצ"ך עד"ש באח"ב** - וואס יעדע גרופע האט געצייגט אויף אן אנדערע נקודה אין אמונה בה'. מיר וועלן אצינד ברענגען צוויי מהלכים דערין:

דער **אבן עזרא** שרייבט אז **דצ"ך** האט געוויזען אז דער אויבעשטער איז בעה"ב אויפען אונטערשטע טייל וועלט (וואסער און ערד), **עד"ש** ווייזט אז דער אויבעשטער געוועלטיגט אויף דער מיטעלע חלק, צווישען הימעל און ערד (חיות און מענטשען), און מיט **בא"ח** האט כביכול געוויזען זיין ממשלה אין הימעל (האגעל, פליענדע היישערעק און פונסטערניש).

דער **כלי יקר** שרייבט אז פרעה האט געהאט א דריי-פאכיגע כפירה. ער האט נישט געגלייבט אין מציאת ה', אין השגחה פרטית בתחתונים און אין יחוד ה'. האט **דצ"ך** געוויזען אז עס איז דא א באשעפער אויפען וועלט און ער קען טוהן מיט די וועלט ווי איהם געפעלט כביכול. דערפאר שטייט אין פסוק ביי דם **למען תדע כי אני ה'**, ביי צפרדע **בזאת תדע כי אין כה' אלקינו** און ביי כינים **אצבע אלקים הוא.**

**עד"ש** האט עדות געזאגט אז דער אויבעשטער איז א משגיח בתחתונים און ער פירט אהן פונטקליך יעדען ריהר, והא ראיה אז די חיות זענען נישט אריין ביי די יודען, די יודישע בהמות זענען נישט געשטארבען און דער אֵש וואס משה רבינו האט ארויפגעווארפען האט נאר געשאט פאר די מצרים, כאטש עס האט זיך פארשפרייט אויף גאנץ ארץ מצרים. מיר זעהן טאקע ווי ביי ערוב שטייט **והפלתי וגו' למען תדע כי אני ה' בקרב הארץ**, און ביי דבר שטייט **והפלה ה' בין מקנה ישראל ובין מקנה מצרים**.

**בא"ח** האט געוויזען אז דער בורא ב"ה איז איינער אליין אחד יחיד ומיוחד ואין עוד מלבדו. די מצריים פלעגן דינען צו די זון, צו מזל טלה און צו מזל מאדים. אצינד ביי ברד איז דער הימעל געווארען פארוואלקענט און די זון שטראלען האבען נישט געקענט דארכגיין, ביי ארבה איז געוועהן **וכסה את עין הארץ** - דער זון איז געווארען פארדעקט, און ביי חשך איז עס אינגאנצען פארטונקעלט געווארען.

פון הרב שמואל בנימין אליעזר בערגער שליט"א האב איך אמאל געהערט דאס יעדע דריטע מכה האט נישט נאר מעיד געוועהן אויפען גדלות הבורא ב"ה נאר אויך אויפען מאכטלאזיגקייט פון די חרטומים. ביי כינים האבען זיי נישט געקענט נאכמאכען און זיי האבען געמוזט מודה זיי אז **אצבע אלקים הוא**. ביי שחין שטייט **ולא יכלו החרטמים לעמוד לפני משה** און ביי חשך איז געוועהן **לא קמו איש מתחתיו**.

עס זענען דא נאך פיהל פשטים פארוואס ר' יהודה האט אזוי גרופירט די מכות אבער דער פלאץ ערלויבט נישט מאריך צו זיין. לויט רוב שיטות איז מכת בכורות געוועהן אן אנדערע סארט מכה אינגאנצען פון די ערשטע ניין, און ר' יהודה האט עס בלויז צוזאמען געלייגט מיט בא"ח כדי עס זאל נישט בלייבען איין אות אליין.

אלע מכות זענען געקומען ווייזען אויף דער גדלות הבורא (אותות - צייכענעס) און זיי זענען געברענגט געווארען מיטען ציהל ווייך צו מאכען פרעה'ס הארץ ער זאל ארויסלאזען די יודען. ווען ער לאזט באלד ארויס דעם כלל ישראל וואלט ער נישט געמוזט דארכגיין די אלע שווערע מכות. משא"כ מכת בכורות איז געקומען אלץ עונש אויף וואס ער האט געטוהן צו די יודישע יונגלעך, און די מכה וואלט ממילא געקומען אפילו ווען ער לאזט באלד ארויס די יודען.

דערנאך האבען מיר דעם מחלוקת צווישען ר' יוסי הגלילי, ר' אליעזר און ר' עקיבא וויפיהל מכות עס זענען געוועהן בסך הכול אין מצרים און וויפיהל ביים ים סוף. עס איז באקאנט דער ווארט פארוואס זיי זוכען אזוי צו פארמערן מיט די מכות, ווייל דער אויבעשטער האט אונז מבשר געוועהן **כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך** - פון די מכות וואס מצרים האבען געליטען וועלן יודישע קינדער נישט מיטמאכען חלילה. דערפאר ווילען די הייליגע תנאים עס זאלען נכלל ווערן ווי מער מכות אינעם כל המחלה אשר שמתי במצרים.

אין דעם באקאנטען בריעף פון ר' שמשון

סידור פסח

אוסטראפאליע, וועלכע עס איז די מנהג צו לערנען אום ערב פסח, רעכענט ער אויס אויף א וואונדערליכען אופן וויאזוי יעדע תנא האט אנגעכאפט א מספר וואס שטימט לויט זיין שורש הנשמה. ועיי"ש ותמצא נחת.

ווען מיר רעכענען אויס מיט אזא קלארקייט די מכות, און מיר לערנען נאך פארשידענע שיטות פונטקליך וויפיהל מכות עס זענען געווען, גייט מען אריין אין אזא עקסטאזע אז מען שרייט אויס פון זיך אליין **כמה מעלות טובות למקום עלינו** - ווי גוט איז דער באשעפער צו אונז!

אויך דא פלעגט זיין דער מנהג אז נאר דער ראש המשפחה האט געזאגט **אילו הוציאנו וכו'** און די בני המשפחה האבן געענפערט **דיינו**.

ווען מיר ענדיגען אויסרעכענען בפרטות די חסדי ה' מאכען מיר א סך הכל פון אלע ניסים **על אחת כמה וכמה וכו'**.

יעצט ברענגט דער בעל הגדה די משנה פון **רבן גמליאל** וואס האלט כדי יוצא זיין די מצוות הלילה **בשלימות** מוז מען זאגען **פסח, מצה ומרור** און **וויסען דער טעם דערפון** (נישט ווי טייל זענען זיך טועה אז מען דארף פשוט זאגען די ווערטער פסח, מצה ומרור).

**פסח** איז ווייל דער אויבעשטער האט אין יענעם נאכט געשוינט די יודישע שטובער אין מצרים (**פָּסַח** טייטשט געשוינט, אדער איבערגעהיפט) . **מצה** עסן מיר אלץ זכר צום גרויס איילעניש אין וועלכע מיר זענען ארויס פון מצרים, וואס דאס ווייזט ווי געפארפול עס וואלט געווען צו בלייבען אפילו בלויז נאך איין רגע. **מרור** עסן מיר זיך צו דערמאנען ווי ביטער עס איז געווען פאר אונזערע עלטערן אין מצרים.

ווען מען זאגט מצה און מרור כאפט מען אהן (אדער מען ווייזט) די מצה און מרור וועלכע ליגען אויפען קערה. אבער ביים זאגען פסח ווייזט מען נישט אויפען זרוע וועלכע איז א זכר צום פסח, כדי קיינער זאל נישט צוקומען צו קלערען אז עס איז באמת א שטיקעל פון קרבן פסח און מען מעג מקריב זיין קדשים בחוץ.

נישט נאר פאר אונזערע אבות האט דער באשעפער געפראוועט ניסים, נאר **בכל דור ודור חייב אדם** זיך פארצושטעלן כאילו ער איז אליין ארויס פון מצרים, און זיך ארייגלייגען אין יענע מצב. וועגן דעם טוהן מיר לויבען מיט ניין פארשידענע לשונות (להודות, להלל, לשבח, לפאר, לרומם, להדר, לברך, לעלה ולקלס) אקעגן די זיבען הימלען (גלגלים) פון די כוכבי לכת, דער גלגל המזלות און דער גלגל יומי. (תויו"ט פסחים פרק י' משנה ה' ועיי"ש)

ווען מען קלערט אריין ווי דער אויבעשטער האט אונז ארויסגענומען **מעבדות לחרות, מיגון לשמחה וכו'**, ווערט פרייליך אויפען הארץ און מען שרייט ארויס **הללו-קה**.

באמת וואלטען מיר געוואלט זאגען גאנץ הלל אצינד אבער מיר האבען מורא אז די קינדער וועלן איינשלאפען איידער זיי זענען מקיים מצוות מצה ומרור, זאגען מיר נאר הלל ביז נאך **בצאת ישראל**, וואו עס ווערט דערמאנט יצי"מ, און דאס איבעריגע לאזען מיר אויף שפעטער.

מיר ענדיגען דעם הגדה מיט א ברכה והודאה על העבר און א תפלה על העתיד דאס מיר זאלען זוכה זיין געזונטערהייט עולה רגל זיין און עסן **מן הזבחים** - דער חגיגת י"ד (עי' לקמן בשלחן עורך), **ומן הפסחים** - דער קרבן פסח בביגו"צ. **וְנֹאמַר לפניו** - מיר וועלן דעמאלס זאגען פארן באשעפער (צריכים לדקדק לומר ונאמר בחולם), **שיר חדש** - א נייעם געזאנג בלשון זכר (שיר נישט שירה) לכבוד דעם גרויסען נס פון ביאת המשיח.

**ברוך אתה ה' גאל ישראל.**

כ"ק אדמו"ר החקל יצחק מספינקא זצ"ל האט אמאל געטייטשט דעם סימן 'מגיד', **"מען זאל זאגען און זאגען ביז עס וועט זיין גאל ישראל."** אכי"ר.

אצינד טרונקען מיר דעם צווייטען כוס בהסיבה וואס איז קעגן דעם לשון של גאולה **והצלתי**. מען מאכט דערויף א בורא פרי הגפן אבער נישט קיין ברכה אחרונה.

*רחצה* **- מען וואשט זיך די הענט און מען מאכט א ברכה על נטילת ידים.**

דאס איז די געוועהנליכע נטילת ידים לסעודה. עס איז כדאי צו טיילען די כזיתים פאר די בני המשפחה איידער מען וואשט זיך און נאך ברכת המוציא בלויז צוגעבן יעדן א שטיקעל פון די לחם משנה, אזוי וועט מען נישט דארפען מפסיק זיין שפעטער.

*מוציא* **- מען נעמט אלע דריי מצות און מען מאכט א ברכה המוציא לחם מן הארץ.**

דאס טוט מען אלץ דער חיוב אכילת פת ולחם משנה ביום טוב. דערפאר האלט מען ביידע גאנצע מצות. עס זענען דא וואס פירען זיך צו זאגען די סימנים 'מוציא מצה' הארט פארן ברכת המוציא. מו"ר כ"ק אדמו"ר מהר"ש מבאבוב זצ"ל פלעגט זאגען 'רחצה מוציא מצה', און אזוי ארום נישט מפסיק געווען צווישען די נטילת ידים און דעם המוציא.

*מצה* **- מען לאזט אפ די אונטערשטע מצה און מען מאכט די ברכה על אכילת מצה.**

דער עיקר חיוב אכילת מצה איז מען מקיים מיטען צובראכענעם שטיקעל אלץ לחם עוני. עס איז אבער אויך דא א שיטה אז די ברכה על אכילת מצה גייט ארויף אויפען גאנצען מצה, דערפאר האלט מען אויך דעם אויבערשטען. אויך וועגן דעם כלל **אין מעבירין על המצות** - מען טאר נישט אריבער גיין אויף א מצוה און עס נישט טוהן, כאפט מען אהן דעם אויבערשטע מצה.

מען נעמט איין כזית פון די אויבערשטע (לחם משנה) און איינס פון די מיטעלסטע (אכילת מצה) און מען עסט זיי בהסיבה. מצוה מן המובחר איז צו האלטען ביידע כזיתים צוקייט אין מויל און צוזאמען אראפשלינגען ביידע כזיתים. טאמער דאס איז צו שוועער זאל מען קודם עסן א כזית פונעם אויבערשטען מצה און דערנאך פונעם

סידור פסח

אונטערשטען.

נשים וואס מאכען נישט אליין לחם משנה נאר זיי זענען יוצא פון די מענער ברויכען נאר האבען איין כזית. זיי דארפען אבער געווארענט זיין נישט אליין צו מאכען א ברכת המוציא נאר אינזינען האבען יוצא צו זיין פונעם מאן. (אזוי איז אויך די דין ביי די סעודות פון בייטאג, ווי אויך יעדן שב"ק.)

מען דארף זעהן צו ענדיגען די כזיתים בכדי אכילת פרס וואס דאס איז בערך פיהר מינוט. א זקן וחולה קען מקיל זיין ביז ניין מינוט אבער א געזונטע מענטש דארף מדקדק זיין אויף דעם שיעור פון פיהר מינוט. די כזיתים דארפען נישט זיין לויטען גרעסטען שיעור כזית ווייל מען עסט ממילא צוויי כזיתים, און עס פעלט נישט אויס מחמיר צו זיין אויף א גרויסע שיעור. עכ"פ פון ביידע כזיתים צוזאמען זאל זיין איין גרויסע שיעור כזית.

**מרור - מען נעמט א כזית מרור, מען טונקט עס איין אין חרוסת און מען מאכט די ברכה על אכילת מרור.**

חז"ל זאגען אונז אז אינעם מרור איז דא א קפא (סם אדער ווארעם) וואס קען שאטען, און דאס ווערט געמאכט אומשעדליך ווען מען טונקט איין דער מרור אין חרוסת. כאטש א גאנץ יאר עסן מיר שאלאטען א.ד.ג. און מיר האבען נישט מורא פון דעם קפא, אבער פסח אויפדערנאכט ווען עס איז א מצוה, האבען חז"ל מער מקפיד געווען אויס מורא אז דער ס"מ וועט זיך פארלייגען עס זאל יא שאטען, און דער מענטש וועט האבען א היזק פון טוהן א מצוה. מרור עסט מען נישט בהסיבה ווייל מרור ווייזט אויפען שיעבוד, און זיך אנלאנען איז דרך חרות.

**כורך - מען נעמט א כזית פונעם אונטערשטע מצה, מען ברעכט עס אין האלב, מען שטעלט אריין א כזית מרור צווישען די שטיקער און מען זאגט זכר למקדש כהלל.**

הלל הזקן האט זיך נוהג געווען צו וויקלען (אמאליגע מצות זענען געווען ווייך - כורך טייטשט וויקלען) מצה און מרור (און קרבן פסח לויט שיטת הרמב"ם) און עסן צוזאמען. כאטש די חכמים האבען נישט מודה געווען צו איהם אז מען איז מחויב אזוי צו טוהן, האבען זיי אבער מודה געווען אז מען מעג אזוי טוהן ווייל מיר פסק'ענען **מצות אין מבטלות זו את זו** - איין מצוה קען נישט צו-נעמען דער טעם פונעם אנדערע.

היינטיגע צייטען וואס דער חיוב אכילת מצה איז מדאורייתא, און מרור איז נאר מדרבנן קענען מיר נישט יוצא זיין (לויט די חכמים) די כזיתים מצה ומרור טאמער מיר עסן ביידע צוזאמען. דערפאר עסן מיר קודם מצה ומרור באזונדער און דערנאך אזוי ווי שיטת הלל. מען דארף זיין געווארענט נישט אויסצורעדן פון ווען מען וואשט זיך ביז נאכען כורך, ווייל די ברכות פון אכילת מצה און אכילת מרור גיין אויך ארויף (לשיטת הלל) אויפען כורך. טאמער עס פעלט אויס צו רעדן א זאך וואס האט א שייכות צום מצה ומרור מעג מען - פונקט ווי ביי יעדן ברכת המצוה.

**שלחן עורך - מען עסט א סעודה לכבוד יום טוב.**

ביי דעם סעודה איז דער מנהג צו עסן אן איי געטונקען אין זאלץ-וואסער. איין טעם איז אלץ אבילות ווייל מיר האבען נישט קיין קרבן פסח. אויך ווייל תשעה באב געפאלט אויפען זעלבען טאג פונעם וואך ווי פסח. לויטען ערשטען פשט פון אבילות איז דא אן ענין דאס צו טוהן ביידע נעכט, אבער לויטן אנדערען פשט דארף מען נישט עסן קיין איי דעם צווייטען נאכט. דער מנהג איז אבער יא צו עסן אן איי ביידע נעכט.

נאך א טעם אויפען איי איז זכר לחגיגה. די הלכה איז דאס מען דארף פארטיגען צו זאט ווערן ביים עסן קרבן פסח. טאמער זענען געווען פיהל איינגעשריבענע אויף איין קרבן פסח און עס וואלט נישט געווען גענוג פונעם קרבן פסח פאר יעדן צו עסן צו די זעט, פלעגט מען ברענגען א קרבן חגיגה אויף ערב פסח, און זיך קודם אנזעטיגען מיטען חגיגה. דאס האט זיך גערופען חגיגת י"ד (בניסן). דער ביצה פונעם קערה איז זכר לחגיגה און יעצט ביים עסן דער איי דארף מען נעמען דעם ביצה פונעם קערה.

דער רמ"א ברענגט א יש אומרים פסח אויפדערנאכט זאל מען נישט טונקען קיין שום עסנס אויסער די כרפס און מרור. דעם איי אין זאלץ-וואסער קען מען פארענטפערן אז אלע טונקעכטס אין זאלץ-וואסער ווערט גערעכענט ווי איינס (כ"ק אדמו"ר הויואל משה מסאטמאר זצ"ל נהג לשפוך המי מלח על הביצה ולא לטבול). עס איז אבער כדאי צו זיין נזהר נישט צו טונקען די פיש אין מעיאנעיז וכדומה.

ביים סעודה דארף מען אכטונג געבן זיך נישט איבער עסן ווייל מען דארף עסן דעם אפיקומן **על השובע** - ענדיגען זאט ווערן דערמיט (זכר לפסח).

**צפון - מען נעמט אפיר דעם באהאלטענעם אפיקומן.**

דער טעם הפשוט פארוואס מען באהאלט די אפיקומן און די קינדער גנב'ענען עס, כדי זיי זאלען בלייבען וואך דארכאויס דעם סדר.

שיטת הרא"ש (און אזוי ווערט געפסק'ענט) איז אז דער אפיקומן קומט לזכר הפסח, און דערפאר זענען נוהג דערביי פארשידענע דינים פונעם קרבן פסח. צום ביישפיל, מען טאר נישט עסן אפיקומן אין צוויי מקומות (אדער אפילו צוויי מאל), מען דארף דאס עסן קודם חצות, מען טאר גארנישט עסן נאכדעם ועוד.

שיטת הרשב"ם איז דאס דער אפיקומן איז לזכר די מצה וואס מען פלעגט עסן מיטען קרבן פסח. כדי יוצא צו זיין ביידע שיטות עסן מיר צווי כזיתים. בדיעבד איז גענוג איין כזית.

**ברך - מען פולט אהן די בעכער און מען בענטש ברכת המזון.**

כאטש א גאנץ יאר זענען מיר נישט מקפיד צו בענטשען על הכוס, אבער פסח ביינאכט האבען חז"ל מתקן געווען דעם דריטען כוס זאל זיין ביים בענטשען. דער כוס איז

סידור פסח

קעגן דעם לשון של גאולה **וגאלתי**. מען טרונקט עס בהסיבה און מען מאכט נישט קיין על הגפן.

טאמער פארגעסט מען יעלה ויבוא דארף מען איבערבענטשען, אבער עס מוז נישט זיין על הכוס. דהיינו אויב מען האט זיך נאר דערמאנט נאכען טרונקען דעם דריטען כוס בענטשט מען איבער אהן א כוס.

הלל **- מען ענדיגט הלל.**

איידער מען זאגט הלל גיסט מען אהן דעם כוס של אליהו. דאס איז כנגד דעם פיפטען לשון של גאולה **והבאתי**, און עס איז א ספק צי מען דארף דאס טרונקען. ע"כ גיסט מען עס אהן און מען ווארט אויף אליהו התשבי ער זאל פושט זיין דעם ספק.

מען עפענט די טיהר ברייט צו ווייזען אז עס איז א **ליל שימורים** - א נאכט וואס כביכול האט געווארט אויף איר, און אין איר ווערן מיר אפגעהיטען פון אלע מזיקים עד סוף כל הדורות. מיר ווייזען אויך דאס מיר האבען אמונה און ביטחון אין השי"ת, און טאקע בזכות דעם אמונה וועלן מיר אויסגעלייזט ווערן.

דערפאר בעטען מיר **שפוך חמתך** - כביכול זאל אויסגיסען זיין צארען אויף אלע אומות העולם און אויף זיי זאלען קומען אלע קללות, ביז זיי וועלן פארטיליגט ווערן **מתחת שמי ה'**, אבער **לא לנו** - מיר זאלען אלע ניצול ווערן פון דעם. אויך בעטען מיר צו ווערן געראטעוועט פונעם מלחמת גוג ומגוג, איבער וועלכע דער מזמור לא לנו רעדט זיך.

מען גיסט אריין שיריים פונעם כוס של אליהו אין יעדען'ס בעכער (ביים טשענגער רב זצ"ל פלעגט מען זעהן מדי שנה בשנה ווי דער בעכער ליידיגט זיך אויס דארך אליהו הנביא), און מען פולט אהן די כוסות. מען זאגט הלל איבער דעם פערטען כוס. דאס איז א חיוב מעיקר הדין און אויך נשים דארפען מקפיד זיין דערויף.

מען ענדיגט דעם געוועהנליכען הלל, און נאכדעם זאגט מען דעם קאפיטעל תהילים **הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו**, וואס ווערט אנגערופען **הלל הגדול**. דארט שטייט זעקס-און-צוואנציג מאל **כי לעולם חסדו**, א רמז אויף די זעקס-און-צוואנציג דורות פון בריאת העולם ביז מתן תורה, וואס אין יענע יארען האט הקב"ה געשפייזט דער וועלט מצד החסד און נישט מן הדין.

אינעם משנה סוף מסכת פסחים שטייט **ואומר עליו ברכת השיר** - אויפען פערטען כוס זאגט מען דעם ברכת השיר. היות עס איז דא א מחלוקת צי די ברכת השיר מיינט יהללוך, צי דאס מיינט נשמת און ישתבח זאגען מיר ביידע. דעם ברכה מאכען מיר אויף יהללוך, אבער אויב איינער האט בטעות געענדיגט ישתבח מיטען ברכה, זאגט ער נישט יהללוך.

נאך די אלע דברי שירות ותשבחות טרונקען מיר דעם פערטען כוס בהסיבה, און דאס איז קעגן דעם לשון של גאולה **ולקחתי**. מען מאכט סיי א בורא פרי הגפן און סיי על הגפן.

נרצה **- דער וואס טוט די אלע זאכען איז באוויליגט פארן אויבעשטער.**

נאכען פראווען אזא סדר, און דער יוד קוקט צוריק מיט לעכצעניש אויף די אלע מצוות וואס ער האט געהאט. אויך קלערט ער ביי זיך אז ער האט נישט געפראוועט ווי עס דארף צו זיין און ער וואלט געדארפט מער פארברענגען ביים הגדה, און בעסער אינזין האבען ביי די כזיתים מצה ומרור וכדומה, איז ער באמת באוויליגט פארן אויבעשטער.

מיר ענדיגען מיט א מורא'דיגען תפלה:

**חסל** - מיר האבען געענדיגט, **סדור פסח** - אראפלייגען דעם סדר וויאזוי עס איז געווען בזמן שבית המקדש היה קיים **ככל משפטו וחקתו** - מיט אלע דינים. בעטען מיר, **וכאשר זכינו לסדר אותו** - פונקט ווי מיר האבען זוכה געווען עס מסדר זיין און אויסשמועסען, **כן נזכה לעשותו** - זאלען מיר זוכה זיין דאס צו טוהן מיט א קרבן פסח.

**זך** - א כינוי אויף כביכול, וואס איז **שוכן מעונה** - ער רוהט אין הימעל (כלשון הפסוק מעונה אלוקי קדם), **קומם** - שטעל אויף, **קהל עדת** - די יודישע געמיינדע וואס ווערן אנגערופען **מי מנה** (אין די ברכות פון בלעם). **בקרוב** - אין גיכען, **נהל** - זאלסטו פירען די יודען וואס זענען **נטעי כנה** - געווען געשטעלט אויף זייערע שטאנד אין ארץ ישראל (כלשון הפסוק וכנה אשר נטעה ימינך), **פדוים** - אויסגעלייזטע, **לציון** - קיין ירושלים (זאלסטו זיי פירען), **ברנה** - מיט פרייד.

## סידור פסח

נאך אזא דערהויבענע נאכט קען מען זיך נאך נישט גיין לייגען - בפרט אז עפ"י הלכה מוז מען עוסק זיין מיט סיפור יצי"מ ביז מען שלאפט איין (און דאן מעג מען זיך שוין געהעריג לייגען אין בעט) - ע"כ זאגען מיר נאך פארשידענע פיוטים וואס רעדן איבער דעם גדלות הבורא און זיינע ניסים.

כ"ק אדמו"ר מהרי"ד מבעלזא זצ"ל האט געזאגט פשט אינעם פיוט **אחד מי יודע**, אז דאס איז ווי א גביר וואס האט זיך אביסעל אנגעטרונקען און ער רעכענט אויס זיינע אוצרות. אויך אונז, נאך פיהר כוסות קענען מיר זיך נישט איינהאלטען און מיר דערציילען איבער אונזער גרויסע רייכטום פון **אחד אלוקינו**, **שני לוחות הברית** א.א.וו.

אויפען פיוט **חד גדיא** ווערט געברענגט פון ר' אליעזר'ל דזשיקובער זצ"ל אז דאס איז א לחש קעגן דעם עין הרע פון מלאכים וואס זענען אונז מקנא אז מיר האבען געפירט אזא הייליגע סדר.

דער צווייטע נאכט פסח איז דער מנהג צו זאגען שיר השירים וואס איז געשריבען געווארען דארך שלמה המלך ברוח הקודש. דער גאנצע ספר איז א משל צום גרויסען אהבה וואס כביכול האט צום כנסת ישראל.

מיר וועלן מסיים זיין דעם באשרייבונג מיטען תפלה **וכאשר זכינו לסדר אותו כן נזכה לעשותו. לשנה הבאה בירושלים.**